פשוט נישט גלייבן אַז דער קעמפּ איז שוין פופצן יאָר אין באַנוץ.

ער האָט זיך דערביי באַדאַנקט פאַר זיין אשת חיל שיחי', וועלכע העלפט אים זייער אַרויס מיט דער עבודת הקודש. טראָץ דעם וואָס ער איז פאַרנומען במשך דעם גאַנצן יאָר, איז זי אים מחזק ווייטער אָנצוהאַלטן די עבודת הקודש, און דערביי עקסטער זיך באַדאַנקט פאַר די אַלע אנגעשטעלטע פון קעמפּ, זאָגנדיג, אַז יעדער פון ענק מאַכט די הצלחה פונעם זומער.

דערנאָך האָט מען געהערט אַ שיינע דרשה פון הר"ר אליעזר פרייזלער הי"ו, וועלכער איז געווען דער מענעדזשער פונעם קעמפּ די לעצטע יאָרן, און הערנדיג אַז מען גייט מאַכן אַ שבע ברכות אַרויסצואווייזן די הכרת הטוב פאר ר' יעקב הי"ו, איז ער געקומען צו פאָרן מיטצוהאַלטן די שיינע שמחה.

מיט גרויס כבוד ובשירה ובזמרה האָט מען עטפּאַנגען דעם נשיא המוסדות, כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר שליט"א, וועלכער איז געקומען צופארן פון מחנה דברי יואל אינאיינעם מיט בנו יקירו הגה"צ אבד"ק סיגעט שליט"א. דער יו"ר האָט אויסגערופן "ברוך הבא בשם ה'", אַז דער רבי שליט"א איז ספּעציעל געקומען אין קעמפּ דעם היינטיגן טאָג, ווייל ער האָט אויסגעדרוקט זיין באַגער זיך משתתף צו זיין ביי דער שמחת השבע ברכות פון מוה"ר יעקב הי"ו". דער רבי שליט"א האָט געוואונטשן לחיים און געטיילט שיריים פון די לעקעך פאַר די בני משפחה און די הנהלת המוסדות.

דערנאָך האָט מען געהערט דברי תורה וברכה פון הגה"צ דער דומ"ץ הקהילה שליט"א, וועלכער האָט אַרויסגעברענגט דאָס הכרת הטוב וואָס די גאַנצע הנהלה האָט צו ר' יעקב הי"ו במשך דעם גאַנצן יאָר, און אים אָנגעוואונטשן צו קענען באַגלייטן ווייטער די הייליגע מוסדות, בבריאות השלימות, בגשמיות וברוחניות. ספּעציעל האָט דער דיין אָנגעוואונטשן דעם רבין שליט"א, ער זאָל קענען ווייטער שטיין בראש המערכת ישראל בכלל און פאר די הייליגע מוסדות בפרט, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין צי די גאולה שלימה.

דערנאָך איז הגה"צ דער דיין שליט"א מכובד געוואָרן מיט ברכת המזון און דער רבי שליט"א מיט'ן זאָגן אַלע שבע ברכות.

דאַן איז פאָרגעקומען די געהויבענע ריקודין של שמחת חתן וכלה, וואו דער רבי שליט"א האָט צום ערשט געטאַנצט מיטן חתן, דערנאָך מיט די מחותנים, און אַן עקסטערן ריקוד מיט דעם זיידן מוה"ר יעקב הי"ו פאר אַ לענגערע צייט, דערנאָך מיט אַלע רבני המחנה.

נאָך די ריקודין איז דער רבי שליט"א, אין דער באַגלייטונג פון הגה"צ דער דיין שליט"א און די חשוב'ע הנהלת המחנה, אַרויף צום שפּיל הויז וואו די אַלע מיידלעך האָבן שוין אָפּגעוואַרט מיט גרויס יראת הכבוד.

דאָרט האָט צום ערשט אויפגעטרעטן הר"ר יעקב בערקאָוויטש הי"ו, וועלכער האָט אַרויסגעברענגט די זכי' וואָס די מיידלעך האָבן מיט דעם באַזוך פון רבי'ן שליט"א. ער האָט דערמאַנט לטובה די לאַנג-יעריגע מנהלת פון די הייליגע מוסדות, הרבנית קליינמאַן ע"ה, וועלכע איז געווען די אָנפירערין פון דער מיידל שולע ביז איר פטירה, און עס ווערט ווייטער געפירט דורך איר טאָכטער הרבנית מאָסקאָוויטש תחי', אויף דעם זעלבן שיינעם אויסגעטרעטענעם וועג ווי זי האָט מקבל געווען ביי איר מאַמען ע"ה. ער האָט זיך דערביי באַדאַנקט פאַר די אַלע וועלכע העלפן צו פאַר דער מיידל שולע, אַז עס זאָל קענען וואַקסן ברוחניות ובגשמיות.

דערנאָך האָט מען געהערט דברי ברכה פון רבי'ן שליט"א, וועלכער האָט אָנגעוואונטשען די מיידלעך זיך צו פירן בדרכי הצניעות און אויף די ערליכע וועגן ווי מיר האָבן מקבל געווען פון מרן רביה"ק זי"ע.

עס איז שוין געווען אין די שפּעטע נאָכמיטאָג שעות ווען דער רבי שליט"א האָט פאַרלאָזט דעם קעמפּ איבערלאָזנדיג הויפנס מיט חיזוק וברכות.

**בעלוז צדיקים תעלוץ קריה**

